# פרשת תצוה ג׳ – ט׳ אדר תשע״ח לפ״ק

***יום ראשון פרשת תצוה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **יהודא אריה לעפקאוויטש** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט״א** למאנסי והשתתף אצל האפשערן של נכדו הילד **יצחק יעקב וויסמאנדל** ני״ו שהתקיים בבית חתנו **הרה״ג רבי יואל וויסמאנדל שליט״א**, בהשתתפות הסב **הגה״צ אב״ד נייטרא מאנסי שליט״א**. אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** בהכנסת הילד לחדר, שהתקיים בבית המדרש של התלמוד תורה. אחר אמירת אותיות הא-ב על ידי המלמד הרב **חיים מאיר פאגעל** שליט״א שתה **רבינו שליט״א** לחיים, ואמר: לחיים קינדערלעך. דער אייבערשטער זאל העלפן, איר זאלט אויסוואקסען גרויסע תלמידי חכמים און ערליכע יודען. מען האט זייער שיין געזינגען והערב נא ה׳ אלקינו את דברי תורתך בפינו, מען בעהט פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל זיס מאכן די ווערטער פון די תורה אין אונזער מויל. אמאל איז דא וואס מען לערנט תורה, אבער עס איז א עול, עס איז שווער צו לערנען. און אמאל איז די תורה זיס. און אויף דעם בעהט מען פונעם אייבערשטען, והערב נא, ער זאל אונז זיס מאכן די ווערטער פון די תורה.

**די** ערשטע מאל וואס מען קומט אין חדר, טוט מען ארויף לייגען האניג אויף די אותיות. ווייל מען דארף צוקומען צו די מדריגה, אז מען זאל שפירן אז די תורה איז דבש, עס איז זיס. די זיסטע זאך וואס איז דא אויף די וועלט, איז האניג, און אזוי דארף זיין די תורה. די תורה איז מתוקה מדבש ונופת צופים (תהלים יט-יא). זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער שטייגען אין תורה, און אויסוואקסען ערליכע יודען, און די עלטערן זאל זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל החופה של בת הר״ר **ירמיה טעסלער** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **מאיר וואלף בלויא** הי״ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט״א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ סעודה סימן קס״ט סעיף א׳) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ונועדתי לך שם, ודברתי אתך מעל הכפורת, את כל אשר אצוה אל בני ישראל (שמות כה-כב), וואס איך וועל דארפן מצווה זיין פאר יודען, וועל איך רעדן פונעם כפורת. רש״י זאגט, אז עס איז דא שני כתובים המכחישים זה את זה. דא שטייט אז דער אייבערשטער וועט רעדן פונעם כפורת, און אין אנפאנג פרשת ויקרא שטייט, ויקרא אל משה וידבר ה׳ אליו מאהל מועד לאמור (ויקרא א-א), אז דער אייבערשטער האט גערעדט פונעם אהל מועד. רש״י טייטשט, אז דער אהל מועד איז געווען אינדרויסן פונעם פרוכת. בא הכתוב השלישי והכריע ביניהם, עס איז דא א דריטער פסוק (במדבר ז-פט) ובבא משה אל אהל מועד, וישמע את הקול מדבר אליו מעל הכפורת, דער קול פונעם אייבערשטען איז אראפגעקומען אויפן כפורת, און פון דארט איז דער קול ארויסגעקומען צו משה רבינו. משה רבינו איז געשטאנען אינדרויסן, און ער האט געהערט דעם קול.

**רש״י** (ויקרא שם) זאגט, וידבר ה׳ אליו מאהל מועד לאמור, וואס איז דער לאמור, צא ואמור להם דברי כבושין, זאג זיי שטרענגע רייד. בשבילכם הוא נדבר עמי, וועגן ענק האט דער אייבערשטער גערעדט צו מיר. פון ווען יודען

האבן געזינדיגט, די אלע אכט און דרייסיג יאר וואס יודען זענען געווען מנודה פון די מרגלים, האט דער אייבערשטער נישט גערעדט צו משה רבינו. די מפרשים שטעלן זיך, ווי איז מרומז דא, צא ואמור להם דברי כבושין. וואו איז די דברי כבושין? און דאס אז ער האט זיי געזאגט, אז דער אייבערשטער רעדט צו משה רבינו נאר אין זכות פון יודען, איז נאכנישט אזעלכע שטארקע דברי כבושין. אדרבה ער האט דערהויבן יודען, אז יודען זענען זייער חשוב, אז מען רעדט צו משה רבינו נאר אין זייער זכות.

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר כא-יב), אז ווען דער כהן גדול איז אריינגעגאנגען יום הקדוש אין קדשי קדשים, שטייט אין פסוק (ויקרא טז-יז) וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש, א אדם האט נישט געטארט זיין אינעווייניג אין קדשי קדשים. פרעגט דער מדרש, וכהן גדול לא אדם היה, דער כהן גדול איז נישט קיין אדם? ווי אזוי האט ער געמעגט אריינגיין. זאגט דער מדרש, אז דער כהן גדול, בשעת ער איז אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים, איז געווען פניו בוערות כלפידים, זיין פנים האט געפלאקערט אזוי ווי א פאקעל, און ער איז נישט געווען א אדם, ער איז געווען אזוי ווי א מלאך. אזוי שטייט אין פסוק (מלאכי ב-ז) כי שפתי כהן ישמרו דעת וגו', כי מלאך ה' צבאו"ת הוא. דער כהן גדול ווען ער איז אריינגעגאנגען יום הקדוש אין קדשי קדשים, איז ער נישט געווען א אדם, ער איז געווען א מלאך, און א מלאך מעג אריינגיין.

**מען** געפונט אין די גמרא (עבודה זרה ה.), אז ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה מיט א תנאי, אז דער מלאך המות וועט נישט שולט זיין אויף יודען, שנאמר, אזוי שטייט אין פסוק (תהלים פב-ו), אני אמרתי 'אלקים' אתם, יודען זענען געווען אין א בחינה פון 'אלקים'. חבלתם מעשיכם, מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, אכן 'כאדם' תמותון, איז מען צוריק געווארן א אדם.

**קומט** אויס, אז בשעת מען האט מקבל געווען די תורה, איז נישט געווען די הלכה וכל אדם לא יהיה באהל מועד, אז א אדם קען נישט אריינגיין אין אהל מועד, ווייל יודען זענען נישט געווען א אדם. אני אמרתי 'אלקים' אתם, זיי זענען געווען אלקים. נאר ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, און עס איז געווארן אכן 'כאדם' תמותון, דעמאלטס איז מען צוריק געווארן א אדם. אבער פאר דעם זענען זיי געווען 'אלקים', און אויף א 'אלקים' איז נישט דא קיין איסור אריינצוגיין אינווייניג אינעם אהל מועד.

**עס** איז א מחלוקת אין די ראשונים, ווען עס איז געזאגט געווארן די פרשה פון תרומת המשכן. רש"י (לא-יח) לערנט, אז די פרשיות פון תרומה און תצוה זענען ערשט געזאגט געווארן ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל די דריטע מאל, און דער אייבערשטער האט מוחל געווען אויפן חטא העגל, דעמאלטס האט דער אייבערשטער מצוה געווען צו מאכן די משכן. דער **רמב"ן** (לה-א) לערנט, און אין **זוהר הק'** (ח"ב קצה.) שטייט אויך אזוי, אז די פרשה פון ויקחו לי תרומה, איז געזאגט געווארן פארן חטא העגל. די פרשיות גייען כסדרן, יתרו און משפטים איז געווען מתן תורה, און משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל די ערשטע פערציג טעג, און דער אייבערשטער האט אים דארט מצווה געווען די צוויי פרשיות תרומה און תצוה. נאכדעם אין פרשת כי תשא, ווען מען האט געזינדיגט מיטן עגל שבעה עשר בתמוז, איז משה רבינו אראפגעקומען, און ער האט צובראכן די לוחות.

**ווען** מען לערנט אז די פרשה איז געזאגט געווארן פארן חטא העגל, קומט אויס, אז יעדער האט געקענט אריינגיין אין קדשי קדשים. ווייל עס שטייט נאר וכל 'אדם' לא יהיה באהל מועד, און זיי זענען נישט געווען קיין אדם. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, ונועדתי לך שם, ודברתי אתך מעל הכפורת, דו וועסט אריינקומען אין קדשי קדשים, און איך וועל רעדן צו דיר דארט ביים כפורת. איי מען טאר נישט אריינגיין אין קדשי קדשים, מען קען יא אריינגיין, אני אמרתי 'אלקים' אתם, און א 'אלקים' קען אריינגיין אינעווייניג אין קדשי קדשים.

**דאס** איז געווען בשעת דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו די פרשה פארן חטא העגל. אבער ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, און מיר זענען געווארן צוריק אדם, אכן 'כאדם' תמותון, איז דאך וכל 'אדם' לא יהיה באהל מועד, קען דאך א אדם נישט אריינגיין אינעם אהל מועד. און אז א אדם קען נישט אריינגיין אינעם אהל מועד, קען דאך משה רבינו נישט אריינגיין, אז דער אייבערשטער זאל מיט אים רעדן דארט, ווייל אין משה רבינו איז אויך געווען א פגם, דער אייבערשטער האט אים געזאגט (שמות לב-ז) לך רד. האט משה רבינו געמוזט זיין אינדרויסן, און וידבר אליו מאהל מועד לאמור, דער דיבור איז אראפגעקומען פון אויבן אויפן כפורת, און פון דארט איז עס ארויסגעגאנגען צו משה רבינו.

**קומט** אויס, אז ביידע פסוקים זענען אמת, ווען מען רעדט פארן חטא העגל, איז ודברתי אתך מעל הכפורת, ווייל משה רבינו האט געקענט אריינגיין אין קדשי קדשים. אבער שפעטער אז מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, איז ויקרא אל משה, האט דער אייבערשטער גערופן צו משה רבינו פון אינדרויסן פונעם אהל מועד, און דארט האט ער גערעדט מיט אים.

**קומט** אויס, אז ווען משה רבינו איז אנגעקומען אין אהל מועד, און ער האט געהערט דעם קול פונעם אייבערשטען וואס רעדט צו אים. דער אייבערשטער האט דאך מיר געזאגט, ודברתי אתך מעל הכפורת, איך וועל רעדן צו דיר פונעם כפורת. ער רעדט נישט פונעם כפורת, משה רבינו שטייט אינעם אהל מועד, און דארט הערט ער דעם קול ה'. איז דאך דאס נאר, ווייל יודען האבן געזינדיגט מיטן חטא העגל, און משה רבינו האט פארלוירן זיין כח אז ער קען נישט אריינגיין אינעם קדשי קדשים, איז 'צא ואמור להם דברי כבושין'. ווער האט דאס צוגעברענגט, אז עס איז וידבר ה' אליו 'מאהל מועד', אז משה רבינו קען נישט אריינגיין אינווייניג, ער דארף שטיין אינדרויסן, און דארט זאל ער הערן דעם קול. דער אייבערשטער האט דאך מיר געזאגט, אז ער וועט רעדן צו מיר מן הכפורת, דאס איז נאר ווייל איר האט געזינדיגט, איז צא ואמור להם דברי כבושין, בשבילכם, וועגן ענק, הוא נדבר עמי. דאס וואס ער רעדט מיט מיר דא אינדרויסן, דאס איז נאר בשבילכם. ווען נישט ענק, וואלט דער אייבערשטער גערעדט צו מיר מן הכפורת. אבער בשבילכם, ווייל מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, וועגן דעם איז נדבר עמי, רעד ער מיט מיר אינדרויסן, און איך קען נישט אריינגיין אינווייניג.

**דער אבן עזרא** (סוף פ' פקודי) איז מחולק מיט רש"י, ער האלט אז משה רבינו האט געקענט אריינגיין אינווייניג אין קדשי קדשים, צו יעדן דיבור פונעם אייבערשטען. משה רבינו איז געבליבן מיט זיין מדריגה, אז ער האט געקענט אריינגיין אינווייניג. כאטש וכל 'אדם' לא יהיה באהל מועד, א אדם האט נישט געקענט אריינגיין אינעם אהל מועד, אבער משה רבינו איז נישט קיין אדם, משה רבינו האט געקענט אריינגיין און ער האט געהערט אינווייניג יעדן דיבור פונעם כפורת.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **משה דייטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף שטרייכער** הי"ו, שהתקיים באולם רענעסאנס.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **חיים ראובן בויער** הי"ו (בן הר"ר **גבריאל** הי"ו), עב"ג בן הרב **יצחק שטיינווארצל** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת תצוה***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **ליפא ראפאפארט** שליט"א (חתן הרה"ג רבי **אהרן זילבערשטיין** שליט"א, דומ"ץ צעהלים) שהתקיים בבית המדרש צעהלים.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אברהם בראדי** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו התאחדות אברכים. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ועשו** את בגדי אהרן לקדשו לכהנו לי (שמות כח-ג), מען זאל מאכן די בגדי קודש פאר אהרן, אים מקדש צו זיין, אז ער זאל מכהן זיין פאר מיר. עס איז משמע, אז מען וואלט געקענט זאגן א אנדערע סברא פארוואס די בגדי קודש זאלן זיין, און די תורה מוז מדגיש זיין, אז די בגדי קודש איז לקדשו לכהנו לי.

**די** גמרא (זבחים פח:) זאגט, אז די תורה האט מסמיך געווען די בגדי כהונה נעבן די קרבנות, מה קרבנות מכפרים, אף בגדי כהונה מכפרים. יעדע בגד פון די כהונה האט מכפר געווען אויף א אנדערן חטא. די כתונת האט מכפר געווען אויף שפיכת דמים, די מכנסיים אויף גילוי עריות, און אזוי ווייטער די אבנט, און די מצנפת, און די ציץ, די גמרא זאגט אויף אלע בגדים, אויף וועלכע חטא זיי האבן מכפר געווען. אין פשטות לערנט מען, אז ווען דער כהן האט אנגעהאט די בגדי כהונה, איז עס געווען א כפרה פארן גאנצן כלל ישראל אויף זייערע עונות. אבער נישט דאס איז ער מכוון, אז דער כהן זאל האבן די בגדי כהונה מכפר צו זיין אויף עונות בית ישראל. די בגדי כהונה האבן געהאט א טיפערע מכוון.

**עס** שטייט אין פסוק לגבי א רוצח וואס האט גע'הרג'עט א נפש בשגגה, אז ער איז געזעסן אין ערי מקלט עד מות הכהן הגדול (במדבר לה-כה). וואס האט עס צוטון מיט די מיתה פונעם כהן הגדול. אין די גמרא (מכות יא.) שטייט, אז ער וואלט געדארפט מתפלל זיין אז עס זאל נישט פאסירן אזא זאך, אז עס זאל צוקומען צו א רציחה. אין תרגום יונתן (במדבר לה-כה) שטייט עס אביסל מער בהרחבה, אז ווען דער כהן גדול איז אריינגעגאנגען יום כיפור אין קדשי קדשים, און ער האט מתפלל געווען, וואלט ער דעמאלטס געדארפט מתפלל זיין אז עס זאל נישט פאסירן קיין שפיכת דמים. און אז ער האט נישט מתפלל געווען, האט ער אויך א חלק דערין, און וועגן דעם האט ער געדארפט זיין אין די ערי מקלט עד מות הכהן הגדול.

**זעהט** מען פון דעם, אז דער כהן מיט דעם וואס ער האט משמש געווען מיט די בגדי כהונה, איז נישט נאר אז עס האט געהאט א כח מכפר צו זיין אויב מען האט געזינדיגט, נאר ער וואלט אויך געקענט צוברעננגען, מקדש זיין דעם גאנצן כלל ישראל, אז זיי זאלן צוקומען צו אזא מדריגה, אז עס זאל זיך נישט אנהייבן דער חטא. זאגט די תורה, ווען מען מאכט די בגדי אהרן, זאל נישט זיין די כוונה, אז ווען מען זינדיגט זאל עס מכפר זיין, נאר 'לקדשו', עס זאל מקדש זיין דעם אהרן, אז ער זאל צוקומען צו אזא קדושה, אז ער זאל קענען משפיע זיין א קדושה אויפן כלל ישראל, אז עס זאל נישט צוקומען צו א חטא אז עס זאל אויספעלן דערויף א כפרה.

**א** ברית מילה איז אויך א כפרה. עס ווערט געברענגט אין **בני יששכר** (תשרי ד-ב), אז די אלע וואס נעמען אנטייל ביי א ברית מילה איז דער אייבערשטער מכפר. פנחס האט מקנא געווען קנאת ה', ויכפר על בני ישראל (במדבר כה-יג), פנחס זה אליהו (ילקוט סימן תשעא) קומט, און ער איז מכפר אויף אלע משתתפים. אבער דאס איז נאר א זייטיגע טובת הנאה וואס מען האט פון א ברית. די עיקר פון א ברית איז, לקדשו לכהנו לי, מקדש צו זיין דאס קינד, אז מען זאל אים שפעטער קענען אריינפירן אין תורה. קדושת הברית איז די התחלה אז מען זאל קענען שפעטער דינען דעם אייבערשטען.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **משה דוד גוטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **וואלף גאלדשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **אליעזר שלום** ני"ו, בן הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי הערצקא אינדיג** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת שטיין שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר מאיר שטיין ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך בין נישט לאנג צוריק געווען דא (לנחם על פטירת אביהם ע"ה שנפטר בשנה זו).

**א' האבלים:** דאס אז מען האלט נאך אינמיטן די יאר פונעם טאטן איז עפעס משנה לגבי דאווענען, צו משניות, צו צינדען לעכט, אדער מען טוט ווייטער וואס מען האט געטון ביז היינט.

**רבינו:** נר לאחד נר למאה (שבת קכב.).

**א' האבלים:** ווי אזוי זאגט מען דעם אנא ה' נאכן לערנען משניות?

**רבינו:** מען דערמאנט יידע נעמען, און מען זאגט בלשון רבים.

**א' האבלים:** אינעם צוועלעפטן חודש פונעם טאטן, דאווענט מען ווייטער פארן עמוד?

**רבינו:** די גאנצע טעם פארוואס מען דאווענט נישט דעם צוועלפטן חודש איז, ווייל משפט רשעים בגיהנם איז י"ב חודש (עדיות ב-י), און כדי מענטשען זאלן נישט זאגן אז ער איז א רשע, און מען דארף דאווענען פאר אים גאנצע י"ב חודש, דאווענט מען נאר עלף חדשים (עיין שו"ע יו"ד שעו-ד). אבער יעצט וועט מען נישט אזוי זאגן, ווייל עס איז דא א סיבה פארוואס מען דאווענט ווייטער.

**א' האבלים:** לויט דעם קען מען אויך אינזין האבן דעם טאטן ביים דאווענען.

**רבינו:** עס איז דא א תשובה אין **בית היוצר** (או"ח סימן מ"ה), אז דאס וואס מען דאווענט נישט אינעם צוועלעפטן חודש, איז כדאי מען זאל נישט מחזיק זיין דעם פאטער, אז ער דארף האבן א תיקון. פרעגט ער, סוף כל סוף קומט דאך אויס, אז מען נעמט אוועק פון אים זכותים פונעם גאנצן חודש, כדי מענטשען זאל נישט זאגן?! זאגט ער, אין הימל איז מען דן א מענטש לויט ווי אזוי מען איז אים דן דא אונטען. אז קינדער זענען דן דעם טאטן און זיי זאגן נישט קדיש דעם צוועלפטן חודש, ווייל זיי האלטן אז ער דארף עס נישט, איז מען אים אויך דן אין הימל אז ער דארף עס נישט, איז עס אויך א תיקון. - אין **בית אהרן** שטייט, אז ער האט געבעטן, אז מען זאל זאגן נאך אים קדיש יארן נאכדעם. כאטש משפט רשעים בגיהנם איז נאר י"ב חודש, אבער ווער ווייסט וויפיל צייט עס נעמט ביז מען קומט אן אין גיהנם. **מיין טאטע ז"ל** האט אויך געלאזט צוואה, אז מען זאל זאגן נאך אים קדיש אפילו שפעטער אויך. ווען עס קומט אויס א געלעגענהייט אז מען קען זאגן קדיש, זאל מען זאגן.

**א' האבלים:** איך האב געזען אין איינע פון די ספרים, אז דער **סאטמארער רבי ז"ל** האט אויך געהייסען פאר איינעם, אז ווען עס קומט אים אויס צו זאגן א קדיש, זאל ער זעהן צו זאגן.

**רבינו:** א זכות איז עס בכל אופן. און אז עס איז א זכות פארן טאטן, איז עס א זכות פאר זיך אליין אויך. די עצם זאך אז מען זאגט קדיש, ער איז מקדש דעם אייבערשטענס נאמען, און עס איז א זכות פארן טאטן, פארוואס איז עס נישט א זכות פאר זיך אליין, אז ער האט מקדש געווען דעם אייבערשטענ'ס נאמען?! **דאס זעלבע זאך איז מיטן דאווענען פארן עמוד, וואס מענטשען זענען מזלזל דערין. אבער ווען מען דארף דאווענען פארן טאטן, דעמאלטס ווערט עס א גאנצער עסק. אויב עס איז יא א ענין, פארוואס איז עס נישט א ענין צו דאווענען פארן עמוד פאר זיך אליין?!**

**א' האבלים:** מען זאגט נאך פונעם **שינאווער רב זי"ע**, אז תפלה איז נאר א דרבנן, אבער ווען מען גייט צו צום עמוד, און מען טוט א חסד, איז עס א דאורייתא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **עקיבא יוסף פישער** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לשמחת החתונה של צאצאי הר"ר **משה דוד גוטמאן** הי"ו, והר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת תצוה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **עקיבא יוסף פישער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החתן **נתן** נ"ו, בן הר"ר **בנימין זאב וועקסלער** הי"ו (מאנטריאל), עב"ג בת הר"ר **שמואל אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרב **חיים דוב ווייסבערג** שליט"א, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **אפרים גאלדבערגער** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **בנימין טובל** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה למען החזקת הכולל ערב במאנסי, שהתקיים בבית מדרשנו התאחדות אברכים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ואתה** תצוה את בני ישראל, ויקחו אליך שמן זית זך, עס איז געווען א ציווי, אז מען זאל ברענגען צו משה שמן זית זך, כתית למאור, להעלות נר תמיד (שמות כז-כ). אין הייליגע ספרים שטייט, אז יעדע כלי אינעם משכן, און שפעטער אין בית המקדש, האט געוויזען אויף א חלק אין עבודת ה'. און נישט נאר עס האט מרמז געווען, נאר די השפעה פון הימל איז אראפגעקומען אויף די וועלט, דורך די כלי וואס איז געווען מיוחד אויף וואס עס האט געוויזען.

**די** מנורה ווייזט אויף תורה הק', נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). ווען דער כהן האט מדליק געווען די מנורה, האט ער מיט דעם ממשיך געווען אז די השפעה פון תורה זאל אראפקומען אויף די וועלט. ווען ער האט געטון די עבודהביים שלחן, ער האט ארויפגעלייגט די לחם הפנים, האט ער מיט דעם לחם ממשיך געווען א השפעה פון פרנסה אויף די וועלט.

**מען** ווייסט אז דער דרך פון תורה איז, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך (אבות ו-ד). זוכה צו זיין צו תורה, דארף מען זיך פלאגן, עס קומט נישט אן גרינג. עס איז נישט קיין חילוק ווי אזוי מען עסט, ווי אזוי מען שלאפט, ווי אזוי די דירה זעהט אויס, אלעס דארף מען מקדיש זיין פאר תורה. און לעולם איז עס א שטיקל פלא, ווייל מיר ווייסען אז ווען א מענטש האט הרחבת הדעת, לערנט זיך אנדערש ווי ווען ער האט נישט הרחבת הדעת. מען געפונט אין די גמרא (בבא קמא עב.) אז איינע פון די תנאים האבן געזאגט, אז היינט האט ער נישט געגעסן קיין בישרא דתורא, האט ער נישט געקענט אזוי געהעריג מכוון זיין. וואלט דאך געדארפט זיין, אז די לומדי תורה זאלן האבן הרחבת הדעת, זיי זאלן עסן גוטע סעודות, און זיך גוט אויסשלאפן, זיין גוט אויסגערוהט, און דעמאלטס וועט ער קענען צוקומען צו תורה. און מען זאגט פארקערט, מען זאגט פאר דעם תלמיד חכם, עס ווייניג, און שלאף ווייניג. אויב מען שלאפט ווייניג, איז די קאפ נישט אויסגערוהט געהעריג, און מען קען נישט געהעריג לערנען. ווי אזוי קען זיין אז די הצלחה פון תורה איז, ווען עס איז פת במלח תאכל, ומים

במשורה תשתה, און אזוי ווייטער. די שכל זאגט דאך, אז צו פארשטיין תורה, דארף מען האבן הרחבת הדעת, און דער אמת איז אויך אזוי.

**דער** אמת איז, אזביידע זענען אמת. כדי צו פארשטיין לערנען, דארף א מענטש האבן הרחבת הדעת. אויב ער האט נישט קיין הרחבת הדעת, איז די קאפ נישט דארט, ער קען נישט געהעריג צוזאמשטעלן די קשיא מיטן תירוץ, אז ער זאל קענען יורד זיין לעומקה של הדברים, און מחלק זיין ווען די הלכה איז אזוי, און ווען די הלכה איז אנדערש. דאס איז צו לערנען תורה. אבער אז תורה זאל זיך האלטן ביי א מענטש, כדי ער זאל נישט פארגעסן וואס ער האט געלערנט, די תורה זאל ווערן אינעם מענטש א קיום נצחי, אויף דעם איז פארקערט, ווי מער דער גוף איז צובראכן, ווי מער דער חומר פונעם מענטש איז מופקר, איז ער מער זוכה צו תורה. - אז מען זאל קענען מכוון זיין צו תורה, קען א מענטש מער ווען ער איז אויסגערוהט, אבער כדי ער זאל געדענקן די תורה וואס ער לערנט, און עס זאל בלייבן ביי אים, אויף דעם פארלאנגט זיך, אז מען זאל אוועקגעבן דאס עסן מיטן שלאפן און אלעס, דעמאלטס ווערט דער גוף אפגעשוואכט, דער גוף פארלירט זיין חשק, דער גוף ווערט מזוכך, און דארט ליגט די ברכה פון קיום התורה, אז די תורה זאל בלייבן שפעטער. אזוי שטייט אין די גמרא (מגילה ו:) יגעתי ומצאתי תאמין, כדי מען זאל טרעפן דאס לערנען, דארפסטו זיך פלאגן. ווי מער דו וועסט זיך ארייניטיפן דערין, וועסטו מער פארשטיין תורה. אבער דאס איז נאר לחידודי, דארט ווענט זיך וויפיל יגיעה דו האסט אריינגעלייגט, אזויפיל ביסטו מחודד אין תורה, אבער לאוקמי גירסא סייעתא דשמיא, כדי דו זאלסט נישט פארגעסן וואס דו האסט געלערנט. דו האסט זיך געפלאגט א גאנץ יאר, און סוף יאר זאלסטו געדענקן וואס דו האסט געלערנט, דאס ווענט זיך שוין ווי אזוי דיין גוף איז געווען, צו דעם דארף מען האבן סייעתא דשמיא.

**דער** אייבערשטער האט געהייסען אז צו די מנורה זאל מען ברענגען שמן זית, און מיט דעם זאל מען אנצינדען די נרות. און דער שמן זית דארף זיין כתית, צוקלאפט און צובראכן. ווען מען צוברעכט דעם זית, קומט ארויס די שמן, און מיט דעם זאלסטו מדליק זיין די מנורה. וועסטו פרעגן, שמן זית זך כתית, דאס איז למאור? למאור דארף דאך צו זיין אז עס זאל זיין הרחבת הדעת, און נישט אז עס זאל זיין כתית. זאגט דער פסוק, 'להעלות נר תמיד', אויב דו ווילסט אז די נר וואס דו לערנסט זאל זיין תמיד, דו זאלסט עס נישט פארגעסן, אויף דעם פארלאנגט זיך אז עס זאל זיין שמן זית זך כתית למאור. ווען א מענטש לעבט מיט גשמיות, ער לעבט מיט תענוגי הגוף, און ער וויל קענען לערנען אויך. ער וועט טאקע קענען בעסער פארשטיין די תוספות פון איינער וואס האט נישט געהאט א אויסרוהטע קאפ. בשעת מעשה וועט ער קענען זאגן א בעסערע תירוץ אויף תוספות קשיא. אבער כדי אז די תורה זאל בלייבען ביי אים, די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן פון אים, און שפעטער ווען ער וואקסט אויס זאל די תורה בלייבען א חלק פון זיין לעבן, צו דעם פארלאנגט זיך, אז דער חומר זאל זיין צובראכן. און ווי מער דער חומר פון א מענטש איז צובראכן, וועט די תורה זיין מער ביי אים. כדי עס זאל זיין להעלות נר תמיד, כדי עס זאל בלייבען אויף תמיד, אויף דעם פארלאנגט זיך שמן זית זך כתית למאור.

*

**אין** בית המקדש איז געווען צוויי ערליי כלים וואס זענען מרמז אויף די תורה הק'. עס איז געווען דער ארון, וואס אין דעם זענען געווען די לוחות. און עס איז געווען דער מנורה. און ביידע ווייזען אויף תורה. פארוואס דארף מען האבן צוויי כלים פאר די תורה. אדער די מנורה ברענגט די השפעה, אדער דער ארון ברענגט די השפעה. וואס איז דער ארון מיט די מנורה.

**דער** ארון איז געווען איינגעשפארט אין קדשי קדשים, א ליידיגע שטוב, קיינער איז נישט אריינגעגאנגען דארט, די מנורה איז געווען אינדרויסן אינעם היכל. ווייל עס איז דא צוויי

ערליי תורות. עס איז דא א תורה וואס א מענטש דארף מקיים זיין בהצנע לכת, ביי זיך אינדערהיים ווען מען האט א פרייע מינוט, איז ער עוסק בתורה, קיינער דארף נישט וויסן ווען ער זיצט און ער לערנט. דאס איז איין וועג פון תורה. עס איז א חשובע תורה, עס איז תורה לשמה, קיינער זעהט נישט, קיינער ווייסט נישט. אבער עס איז דא א תורה וואס א מענטש דארף טון דווקא ברבים, דווקא אין בית המדרש, ווייל מיט דעם טוט ער מאיר זיין אז אנדערע זאלן אויך לערנען. ווען דו לערנסט ביי זיך אליין, האסטו דעם זכות אז דו האסט געלערנט פאר דיר, אבער דו האסט קיינעם נישט צוגעברענגט צו תורה. **ווען א מענטש נעמט די שעה וואס ער דארף לערנען תורה, און ער קומט אין בית המדרש, און דער חבר זעהט ווי ער לערנט, קומט דער חבר אויך. דער חבר שעמט זיך שפעטער אז ער איז נישט אנגעקומען געהעריג. עס איז דא א קול תורה אין בית המדרש, איז עס מעורר אז אנדערע זאלן אויך לערנען.**

**מען** זעהט אז דער מלך האט געהאט צוויי ספרי תורות. איין ספר תורה האט ער געהאט בבית גנזיו, און איין ספר תורה האט ער געהאט וואס איז געווען יוצא ונכנס עמו (דברים יז-יח). ווייל אמאל איז דא וואס ער דארף האבן די תורה ווען ער גייט ארויס, כדי יעדער זאל זעהן אז ער איז פארבינדן מיט די תורה. און עס איז דא א ספר תורה וואס איז מונח בבית גנזיו, וואס ער דארף טון זיין עבודה באהאלטענערהייט.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז עס איז טאקע דא א חלק פון תורה וואס איז אין א ארון, עס ליגט אפגעזונדערט אין א שטוב, וכל אדם לא יהיה באהל מועד, קיינער דרייט זיך נישט דארט. דאס איז דער ארון וואס מען זיצט און מען לערנט תורה אינדערהיים, וואס האט א געוואלדיגע חשיבות. אבער עס דארף זיין א מנורה אינדויסן, וואס איז מאיר פאר אנדערע. ווען מען זיצט נישט פאר זיך אליין, נאר מען קומט אין בית המדרש לערנען, גיט עס צו, צו הרבצת התורה, אז אנדערע זאלן אויך לערנען.

דאס איז די צווייטע כלי וואס איז מרמז אויף תורה, די מנורה איז געמאכט געווארן להאיר פאר אנדערע.

**מען** רעדט פון א חשוב'ן כולל, וואס מען קומט אין בית המדרש און מען לערנט ביינאכט. מען איז זוכה אליין, און מען איז מזכה את הרבים. ווען ער קומט איז ער מזכה את הרבים, און ווען ער קומט נישט, נעמט ער אוועק א זיכוי הרבים, ווייל עס ווערט אפעשוואכט די קול תורה וואס איז דא אין בית המדרש, און א צווייטער טוט זיך אויך שפעטער מונע זיין, און ער איז זיך מתרשל פון קומען. די צווייטע חלק פון די תורה איז די מנורה, עס זאל זיין א זאך וואס איז מאיר פאר אנדערע.

**עס** איז זייער חשוב וואס מען זיצט און מען לערנט, אבער יעדער יששכר דארף אויך האבן א זבולון. יעדער דארף זיצען און לערנען, אבער צו תורה דארף מען האבן בעלי בתים וואס העלפן צו, און זיי טוען זיך אנשטרענגען, און זיי געבן אוועק מעשה ידיהם אז אנדערע זאלן זיצען און לערנען. עס שטייט אין מדרש (ב"ר צט-ט) אז עס איז א שותפות, און עס ווערט גערעכנט אזוי ווי מען לערנט אליין, אפילו אין די שעות וואס מען איז עוסק אין מסחר. און אז מען שטיצט דעם כולל, העלפט עס אסאך צו פאר די הרבצת התורה פונעם כולל. - אין אונזער בית המדרש קען זיין אז עס איז דא נאך א נקודה, דער אהבת חברים וואס מאכט זיך ווען עס איז נישט א כולל פון פרעמדע יונגעלייט, עס איז אלעס היימיש, און מען זיצט צוזאמען, וויפיל חסד דאס ברענגט אז איינער העלפט ארויס פארן צווייטען. און מען באקענט זיך איינער מיטן אנדערן, און מען איז נאנט איינער מיטן צווייטען. עס האט א געוואלדיגע השפעה אין אסאך ענינים, ווען עס איז דא א חבורה פון אהבת חברים צוזאמען, וואס דאס איז א עקסטערע זכות וואס מען האט מיט די החזקת התורה.

**אליעזר** ברוך [פריעד] טוט אסאך פארן כולל, מען האט אים געקויפט א מתנה א חלה דעקל, און מען האט געזאגט, אז דאס איז כדי ער זאל

יעדן שבת געדענקען, אז עס קומט א פרישע וואך, וואס מען דארף דעקן צו באצאלן פאר די כולל יונגעלייט. אבער איך מיין אז עס איז אנדערש, איך מיין אז עס איז, אים צו זאגן, אז ווען עס קומט שבת האט ער א תענוג, אז א גאנצע וואך איז מען געזעסן און געלערנט. ער זאל געדענקען דעם זכות וואס ער האט, אז א גאנצע וואך איז מען געזעסן און געלערנט, און איך האב עס צוגעשטעלט, דאס איז א חלק פונעם עונג שבת. - מען לייגט עס ארויף אויף די חלות, וואס די חלות זענען צוויי ווי"ן, א רמז אויף די י"ב חלות פונעם לחם הפנים, וואס איז די השפעה פון פרנסה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל האבן הצלחה אין אלע ענינים. - ער איז נישט אליין, עס איז דא א גאנצע חבורה וואס טוט צוהעלפן דערצו, זאל דער אייבערשטער געבן פאר אלע, אז זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט כל מילי דמיטב, און מיט די ברכה פון עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר. משנכנס אדר מרבין בשמחה, זאלן מיר אלע זוכה זיין צו האבן שמחות אין אונזערע שטובער, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **נתן וועקסלער** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

### ***יום רביעי פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שלום הארטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בעריש לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

לעת ערב, התקבצו קהל רב לשמוע את דבר ה' – **דרשת ז' אדר** - מאת **רבינו שליט"א**. בשלחן המזרח פיארו, הרבנים הגאונים **דייני קהלתינו הק'** שליט"א, **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** (ב"פ), **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), **הגה"צ רבי יעקב ישכר בער ראזענבוים שליט"א** אדמו"ר מנדבורנא לינסק (וומסב"ג), **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי), **הרה"ג רבי אלישע חיים הורוויץ שליט"א** אב"ד שערי תפלה (לאורענס), **הרה"ג רבי אפרים צבי ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ צמח צדיק וויזניץ (וומסב"ג).

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש במשך למעלה משני שעות. אחר הדרוש בגדולת משה רעיא מהימנא, הספיד את הרבנים הגאונים שנסתלקו בשנה העבר.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** דברי מוסר והתעוררות בענינים העומדים על הפרק, ומהם בענין: קיום המצוות בשמחה, שזוכים לעשות רצון ה', ולהכין עצמו לעולם הבא • להיות נכנע לגדולי ישראל, ולחנך הבנים בזה • דברי הדרכה בארוכה להזהר בדיני ממונות בין אדם לחבירו, ובהם: בדיני ירושה וצוואות, סכסוכים בין שותפים במסחר וכדומה, לפשר הכל אצל דין תורה או מפשרים ולא לעשות דין לעצמו בממון חבירו, שאין הברכה שורה בממון כזה • בגודל המכשלה בכלי האינטערנעט שהחיוב לתקן פילטער מעולה, ובלאו הכי נקרא רשע ומומר לדבר אחד מן התורה • להזהר שלא להוציא ולהשתמש בכלי הסמארטפאון במקום שרבים מצויים, ולהשתדל להשתמש בסעלפון מיוחד רק לדיבור, והסמארטפאון יהיה מיוחד רק בבית מסחרו. - אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, ו**רבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

### ***יום חמישי פרשת תצוה***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אליעזר ברוך פריעד** הי"ו. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לכבוד השמחה.

בשעות אחר הצהרים עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **משה מאיר בראדי** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת תצוה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש נייפעסט. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל חיים פאשקעס** הי"ו (חתן הר"ר יעקב משה רובין הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה, רעכנט דער פסוק אויס די בגדי כהונה. דער כהן הדיוט האט געהאט פיר בגדים, און דער כהן גדול האט געהאט שמונה בגדים. נאכדעם וואס די תורה ענדיגט די בגדים, איז די לעצטע בגד רעדט מען פון די מכנסים, ועשה להם מכנסי בד לכסות בשר ערוה, ממתניים ועד ירכים יהיו, און נאכדעם זאגט דער פסוק והיו על אהרן ועל בניו, די בגדים זאלן זיין אויף אהרן מיט די קינדער, בבואם אל אהל מועד, או בגשתם אל המזבח לשרת בקודש, ולא ישאו עון ומתו (שמות כח-מב), טאמער זיי וועלן נישט אנהאבן די בגדים, איז דא א חיוב מיתה ווען א כהן איז משמש מחוסר בגדים. רש"י ברענגט צו א מדרש (תנחומא אחרי ו), הא למדת שהמשמש מחוסר בגדים במיתה.

**אין** די גמרא (סנהדרין פג:) איז דא א צווייטע דרשה דערויף, אז נישט פון דא לערן איך אראפ אז א מחוסר בגדים איז חייב מיתה, נאר איך לערן עס אראפ פון דעם פסוק (שמות כט-ט) וחגרת אותם אבנט אהרן ובניו וגו', והיתה להם כהונה לחקת עולם, בזמן שבגדיהם עליהם זענען זיי אזוי ווי כהנים, אין בגדיהם עליהם האבן זיי די דין אזוי ווי א זר, און זר ששימש איז במיתה. און תוספות (שם ד"ה אין) שטעלט זיך, פארוואס דארף מען האבן א פסוק אז ער איז אזוי ווי א זר, און הזר הקרב יומת, עס שטייט דאך בפירוש אין פסוק (שמות כח-מג) והיו על אהרן ועל בניו בבואם אל אהל מועד וגו', ולא ישאו עון ומתו, אז טאמער מען האט נישט אן די בגדי כהונה איז דא מיתה. זאגט תוספות, אז פון דעם פסוק וואלט איך געקענט זאגן, אז עס גייט נאר ארויף אויף די מכנסים וואס שטייט פאר דעם אין פסוק, אבער עס איז נאכנישט א ראיה, אז אלע אנדערע בגדים וואס מען האט נישט אן, איז מען חייב מיתה. אבער טאמער זאגט מען אז עס איז נאר בזמן שבגדיהם עליהם דעמאלטס זענען זיי געררעכנט פאר כהנים, און אז נישט, זענען זיי א זר, איז עס נוגע פאר אלע בגדים. - עס דארף אבער נאך אלץ האבן א הסבר, פארוואס וואלט איך געהאט א הוה אמינא צו זאגן, אז אלע אנדערע בגדים איז מחוסר בגדים נישט פסול די עבודה, און עס איז נישט דא קיין מיתה, נאר דווקא ביי די מכנסים. עס שטייט טאקע אז עס איז געווען לכסות בשר ערוה, אבער ער האט געהאט די מעיל, און די אנדערע בגדים וואס האבן מכסה געווען, פארוואס איז דאס אנדערש פון די איבריגע בגדים.

**מען** געפונט אנהייב פון די פרשה, ווען די תורה זאגט, אז מען זאל מאכן די בגדים פאר די כהנים, זאגט דער פסוק (כח-ב) ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת, דו זאלסט מאכן די בגדי קודש פאר אהרן לכבוד ולתפארת. אין א פסוק שפעטער שטייט א צווייטען טעם, ואתה תדבר אל כל חכמי לב וגו', ועשו את בגדי אהרן לקדשו לכהנו לי. אין דעם ערשטען פסוק שטייט, אז מען זאל מאכן די בגדים לכבוד ולתפארת, און אין דעם צווייטען פסוק שטייט, אז מיט דעם וועט מען זיי מקדש זיין לכהנו לי, זיי זאלן זיין ראוי צו זיין כהנים.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו קנ.), אז די בגדי כהונה האבן ארויפגעלייגט א קדושה אויפן כהן, אז בשעת ער וועט טון די עבודה, זאל די עבודה ווערן אנגענומען. דאס איז געווען ביי אלע כהנים, אבער אהרן הכהן האט נישט געדארפט האבן די בגדי כהונה אז זיי זאלן אים מקדש זיין, אהרן איז דאך געווען דער קדוש ה' (תהלים קו-טז), ער איז פון זיך אליין געווען א קדוש. ווען ער האט אנגעטון די בגדי כהונה, איז עס נאר געווען לכבוד ולתפארת. אבער אנדערע כהנים ווען זיי טוען עס אן, זיי דארפן האבן אז די בגדים זאלן זיי צוהעלפן צו די עבודה. - 'ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך', ווען דו מאכסט עס פאר דיין ברודער, איז עס נאר 'לכבוד ולתפארת', ער דארף עס נישט האבן לקדשו לכהנו לי. ואתה תדבר אל כל חכמי לב ועשו את בגדי 'אהרן', עס שטייט נישט 'אחיך', אלע כהנים ווערן אנגערופן אהרן, די בגדי אהרן דארפן זיין 'לקדשו לכהנו לי'.

**אין** די גמרא (זבחים פח:) שטייט, אז די בגדי כהונה האבן מכפר געווען. יעדע בגד האט מכפר געווען אויף א אנדערע עבירה. בפשטות לערנט מען, אז עס האט מכפר געווען אויף א עבירה פון כלל ישראל. דער **חתם סופר** (שם) זאגט, אז עס האט מכפר געווען אויפן כהן אליין. דער כהן דארף זיין יעצט דער כלי כפרה פארן גאנצן ציבור, יבוא זכאי ויכפר על החייב. אויב ער איז אליין א חייב, קען ער נישט מכפר זיין אויף א צווייטען. האט ער געדארפט אנהאבן די בגדי כהונה, וואס די בגדי כהונה זאלן מכפר זיין, אז אויב ער האט א ניצוץ פון די חטאים, זאל עס קודם מכפר זיין אויפן כהן, און נאכדעם וועט דער כהן קענען ווייטער טון די עבודה.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, אויף דעם וואס מען זאגט (בפיוט א-ל מסתתר) יסוד צדיק בשבעה נעלם, אות ברית היא לעולם. פאר איך וועל נאכזאגן דעם ווארט, וויל איך נאכזאגן א אנדערע ווארט, כדי מען זאל עס בעסער פארשטיין. עס שטייט אין **מעשה איש** פונעם **חזון איש זצ"ל** (ח"ב קעז.), אז ביים **חזון איש** אין שטוב האט מען אמאל גערעדט פון א תלמיד חכם, און דער **חזון איש** האט אים אוועקגעמאכט. האבן אים די שטוב מענטשען געפרעגט, פארוואס ער מאכט אזוי אוועק דעם תלמיד חכם. האט ער געזאגט, ווייל ער לעבט מיט נגיעות. האט מען אים געפרעגט, נו, האט ער א חסרון, אבער ער האט דאך אנדערע מעלות אויך. ער איז א חכם, און א תלמיד חכם. האט דער **חזון איש** געענטפערט, ווען א מענטש איז נישט אויסגעארבעט מיט נגיעות, איז זיין תורה מיט נגיעות, און זיין דאווענען איז מיט נגיעות, און אלע זיינע זאכן וואס ער טוט, איז אלעס מיט נגיעות. א נגיעה איז נישט נאר אז ער האט א פראבלעם, אז ער טוט א זאך מיט א נגיעה. נאר די נגיעה רירט אן, אז אין אלע זאכן פון יודישקייט וואס ער טוט, ליגט א פראבלעם פון נגיעה.

**דער סאטמארער רב ז"ל** האט געזאגט, אז עס איז דא זיבן מדות. יסוד איז די מדה פון קדושה. ווען א מענטש איז געשלאגן אין א מדה, איז ער געשלאגן אין די מדה, אבער עס טוט נישט שטערן די אנדערע מדות וואס ער האט. אין אנדערע מדות קען ער זיין אויסגעארבעט, נאר אין די מדה איז ער געשלאגן. אבער טאמער עס פעלט ביי א יוד די קדושה פון יסוד, איז נישט אז עס פעלט אים א געוויסע קדושה, נאר עס פעלט אים אין זיין גאנצע יודישקייט. אין יעדע מדה פעלט אים, אז ער האט נישט די חלק הקדושה דערפון. 'יסוד צדיק', די מדה פון יסוד, 'בשבעה נעלם', דאס איז באהאלטן אין אלע זיבען. עס איז נישט א געוויסע מדה, און אז מען האט זיך נישט אויסגעארבעט אין די מדה, פעלט אים די מדה, אבער ער האט נאך אלץ די איבריגע מדות. נאר די מדה פון יסוד, איז בשבעה נעלם, עס ליגט באהאלטן אין אלע זיבען מדות. אז מען האט נישט קיין קדושה, איז די דאווענען נישט בקדושה, און דאס לערנען איז נישט מיט א קדושה, און אזוי ווייטער.

**דער** כהן האט געדארפט אנהאבן די בגדי כהונה, אז עס זאל מכפר זיין אויף אים, אפילו עס פעלט אים איינע פון די בגדי כהונה, איז ער

נאך אלץ א זאך, ער האט אנדערע מעלות. אבער אויב ער האט נישט די מכנסיים וואס זאל מכפר זיין אויף ערוה, דעמאלטס פעלט אים אין זיין גאנצע מהות. אין אלע זיינע עניני קדושה, איז ער נישט א זכאי, ווייל יסוד צדיק דאס איז בשבעה נעלם. וואלט געווען א סברא צו זאגן, אז אויב ער האט נישט די מכנסיים, איז די הלכה אז עס קומט אים מיתה, ווייל ער קען נישט זיין א כהן וואס זאל טון די עבודה. אבער אויב עס פעלט אים נאר איינע פון די אנדערע בגדים, האט ער א געוויסע פעלער אין א געוויסע נקודה, אבער ער קען נאך ווייטער זיין א צדיק אין אנדערע ענינים. מוז איך האבן א עקסטערע פסוק, אז אפילו ביי אלע אנדערע בגדי כהונה, איז אויך אזוי די הלכה, אז המשמש מחוסר בגדים, איז ער א זר, און א זר קען נישט טון די עבודה.

**ברית** מילה איז די התחלת הקדושה ביי א קינד. וועגן דעם וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ווייל עס איז נישט נאר כניסת הברית, אז אין איין געוויסע מדה איז מען אויסגעארבעט, נאר אז מען האט קדושת הברית, דאס איז לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אין אלע ענינים רירט אן די נקודה.

*

***שבת קודש פרשת תצוה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית המדרש סאמבאטהעלי, יחד עם שמחת השלום זכר לנינו, בן לנכדו **הרב אברהם ברוך באב"ד שליט"א**, חתן חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

לרגל השמחה הגיעו ציבור אנשי שלומינו וביניהם רבנים ודיינים קרובי המשפחה שליט"א להשתתף בשמחתו הגדולה של **רבינו שליט"א**. - בנוסף לניגוני ליל שבת קודש המשיכו בקול שירה וזמרה בניגוני חדוה לרגל השמחה הרוממה בבית **רבינו שליט"א**.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנהל מוסדותינו הק' בוומסב"ג), שהתקיים בבית המדרש נייטרא.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **צבי אלימלך בלויא** נ"ו, חתן הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"צ אב"ד סעליש שליט"א**, עב"ג בת **הרה"צ רבי יחזקאל שרגא הורוויץ שליט"א** דומ"ץ ספינקא (בן כ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א) שהתקיים בבית המדרש סעליש.